# צום פינטל

גליון סד
פרשת בשלח-שירה תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

## די קביעות אויף די וועגן

### ◆ וזכרת את כל הדרך

די וואך גייט מען אריין אין מדבר, די פסוק זאגט 'וזכרת את כל הדרך אשר הוליכך ה', למען ענותך לנסותך לדעת וגו'', דער אייבישטער כביכול האט ארומגעשלעפט די יודן, 'ויניעם במדבר', זיי אויסצופראבירן.

די נסיון פון זיך וואלגערן אויף די וועגן און שטעגן אָן קיין שום קביעות, איז א מורא'דיגע גרויסע נסיון, די נסיון איז שטארק בולט אין די פסוקי התורה, די תורה דריקט זיך אויס אויף די שווערינקייטן פון די וועגן, 'ואת כל התלאה אשר מצאתנו בדרך', 'ותקצר נפש העם בדרך' וכדומה.

די שכינה הקדושה האט זיי באגלייט אין זייערע נסיונות אויף די וועגן, ווי די פסוק זאגט 'ויהי בנסוע הארון וגו', ובנוחה יאמר וגו', און די צוויי פסוקים זענען א 'ספר' בפני עצמו כידוע, ווייל דאס אז די שכינה באגלייט די יודן אין מדבר איז גאר א חשובע זאך, וואס איז ראוי צו זיין א ספר בפני עצמו.

די יודן מצד עצמם האבן טאקע נישט געהאט קיין שום קביעות, אבער זיי האבן באקומען א כח הקביעות פון אויבן, פון די שכינה הקדושה, די 'דגלים' וואס די יודן האבן זיך מסדר געווען אין מדבר, זיי האבן זיך נישט געקענט מסדר זיין געהעריג, זיי האבן דאך געלעבט אין א עראי'דיגע מצב, זיי האבן דאס נאכגעמאכט 'מעין דוגמא דלמעלה', ווי ס'איז מבואר אין חז"ל. דאס טייטשט אז זיי האבן נישט געהאט קיין קביעות פון דא אונטן, אבער זיי האבן באקומען א קביעות מעין דוגמא פון אויבן.

די תורה פארציילט די וואך ווי די עמוד ענן און די עמוד אש האבן באגלייט אויף די וועגן, די יודן מצד עצמם האבן גארנישט געהאט, מצד עצמם האבן זיי זיך געדרייט אין די מדבר ווי פארבלאדזעטע שעפלעך, אזוי ווי פרעה האט געזאגט 'סגר עליהם המדבר', דאס איז אבער נאר געווען מצד די יודן, אבער מצד דעם אייבירשטן זענען זיי געווען פיין מסודר.

> **די נשמה קען נישט סובל זיין 'קביעות', די נשמה האט ליב ווען אלעס איז פריש, יעדן טאג הייבט מען אָן פון פריש, מ'קוקט פון פריש ארויף מיט די אויגן צום הימל צו באקומען צו עסן**

אין פרשת משפטים שטייט אז דער אייבישטער האט געשיקט א מלאך מיט צו גיין מיט די יודן אויף זייערע וועגן אין מדבר. ס'איז מבואר אין די מדרשים אז דער מלאך איז געווען מלאך מט"ט, וואס ער איז דער מלאך וואס איז ממונה אויף די וועגן, צו ווייזן די וועגן וכדומה. די יודן מצד עצמם האבן גארנישט געוויסט די וועג, און דער מלאך האט שוין קער גענומען.

### ◆ קביעות על פי ה'

שטייט אין פסוק 'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו', בפשטות איז דאס געווען א עראי'דיגע מצב אז מ'האלט און איין ציען, אבער די חז"ל זאגן אז 'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו' איז גאר מבטא קביעות, ס'איז טאקע נישט געווען קיין קביעות דא למטה בעולם הזה, אבער ס'איז געווען 'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו', א קביעות פונעם אייבירשטן למעלה.

ווי ס'איז מבואר אין מסכת שבת (כב) אז צונעמען די משכן וואלט געדארפט הייסן ווי 'סותר על מנת לבנות שלא במקומו', אבער למעשה הייסט עס ווי 'סותר על מנת לבנות במקומו'. און די טעם פאר דעם ווייל ס'איז געווען על פי ה' וואס דאס מיינט אז ס'איז געווען מיט א פונקטליכע קביעות (עי"ש במפרשים). ענדליך צו דעם איז מבואר ביי עירובין תחומין, ביי די דין פון 'יושבי צירופים', אז די יודן אין מדבר האבן נישט געהאט קיין דין ווי 'יושבי צירופים', ווייל זיי האבן געהאט א דין קביעות על פי ה'.

ענדליך צו דעם איז דאס וואס שטייט ביי די 'מן' 'כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי אם על כל מוצא פי ה'. בפשטות וואלט מען געזאגט אז די 'מן' איז א עראי'דיגע מצב, יעדן טאג האבן זיי געדארפט ארויפקוקן צום אייבירשטן, אבער די פסוק זאגט אז ניין די 'מן' איז געווען אזא קביעות'דיגע מאכל אזויווי די ברויט. ברויט ביסטו קבוע מיט דעם דא למטה, אויך די 'מן' ביסטו קבוע מיט דעם למעלה, ביסט קבוע מיט דעם על פי השם כביכול.

די נסיון פון די וועגן אין די מדבר איז טאקע געווען א שווערע עראי'דיגע מצב, אבער צוזאמען מיטן אייבירשטן האט אלעס באקומען א קביעות. אדרבא די עראי'דיג'קייט פון די יודן דא למטה אויף די וועגן, האט צוגעהאלפן אז זיי זאלן ווערן קבוע למעלה, כדי צו באקומען די קביעות פון אויבן.

### ◆ עשרה נסיונות נסו אבותינו

אין די פרשה האבן אונז עטליכע נסיונות וואס די יודן האבן מנסה געווען דעם אייבירשטן, 'מרה', 'מן', און די נסיון פון די 'בארה של מרים', צען מאל זענען די יודן דורך געפאלן צו מנסה זיין דעם אייבירשטן.

אלע פרעגן וויאזוי קען זיין אז אזא

המשך בעמוד הבא

דור דעה וואס האט זוכה געווען צו אזא התגלות אלקות, וויאזוי קען זיין אז זיי זאלן דורך פאלן מיטן מנסה זיין דעם אייבערשטן. ס'קען זיין אז כאטש די גרויסע התגלות, אבער מצד די זיך וואלגערן אויף די וועגן, האט דאס צוריק געמאכט א מצב פון הסתר, און זיי זענען דורך געפאלן מיטן מנסה זיין דעם אייבערשטן.

'פן ינחם העם וגו', דער אייבישטער האט מורא געהאט אז די יודן וועלן צוריק גיין קיין מצרים, די יודן האבן טאקע געוואלט עטליכע מאל צוריק גיין, ווי ס'ווערט פארציילט שפעטער אין די פרשה, ביי קריעת ים סוף און ביי די 'מן', ווי די יודן האבן געשריגן אז ס'איז זיי בעסער צוריק צו גיין קיין מצרים.

אין מצרים האט מען טאקע געליטן צרות צרורות, אבער כאטשיג האבן זיי געהאט עפעס א קביעות, א דירה עסן טרינקן און שלאפן, אפגעהוטן פון מלחמות און דאס גלייכן, און גייענדיג אין מדבר עראי'דיגערהייט אויף די וועגן, האבן זיי דאס אלעס פארלוירן. ווער ס'וויל קען קומען מלחמה האלטן מיט זיי, ווי די פסוק זאגט די וואך ביי מלחמת עמלק 'אשר קרך בדרך', עמלק איז געקומען אויף די וועגן, זייענדיג אפען און אומבאשיצט אונטערן פרייען הימל, האט ער געקענט לייכט צו קומען אין זיי שעדיגן.

די וועגן זענען געווען א כללות'דיגע גרויסע נסיון פאר די יודן, און אפילו זיי זענען געווען א 'דור דעה' און געהאט די זכיה פאר אזא התגלות אלקות, אבער האבענדיג אזעלכע גרויסע נסיונות פון די וועגן, זענען זיי אדורך געפאלן מיטן מנסה זיין דעם אייבערשטן.

### לעבן נשמהדיג

די יודן אין מדבר האבן געלעבט אויף 'מעשה ניסים', יעדן טאג איז געקומען פרישע שפע פון אויבן. די טבע פון די גוף אז ער האט ליב א קביעות'דיגע לעבן, ער האט ליב ווען ער קען זיך פארזוכערן אין זיין טאג טעגליכע קביעות, אין זיין טאג טעגליכע חזקה, אבער די טבע פון די נשמה איז פארקערט, די נשמה קען נישט סובל זיין 'קביעות', די נשמה האט ליב ווען אלעס איז פריש, יעדן טאג הייבט מען אָן פון פריש, מ'קוקט פון פריש ארויף מיט די אויגן צום הימל צו באקומען צו עסן.

א נשמה'דיגע לעבן איז דוקא אין די וואלקענעס, די נשמה האט ליב די פרישקייט וואס איז דא אין 'מעשה ניסים', די התחדשות דערפון, נאכאמאל א פרישקייט און נאכמאל א פרישקייט. ממילא האט די נשמה ליב דוקא אין מדבר ארויס פון די גאנצע ישוב ארויס פון די קביעות פון דעם עולם.

די נשמה איז זיך מחיה צו זיצן סמוך און קבוע אויף די טיש פונעם מלך אויבן אין הימעל. וואס דאס גייט אלעמאל מיט א הרגש וואס איז פארקערט פון קביעות, א הרגש פון התבטלות צו אויבן, פון דארט אויבן זאל קומען די שפע צו מיר, נישט פון מיין אייגענע קביעות.

דער גוף האט ליב ווען ער איז אין קאנטראל, ער האט ליב זיין אייגענע קביעות, ווען ער איז בעל הבית אויף זיין קביעות, אבער די נשמה האט דאס דוקא נישט ליב, די נשמה האט בעסער ליב ווען ער איז נישט געבינדן מיט די אייגענע קביעות, ער האט בעסער ליב די מצב אין מדבר וואס די אייגענע קביעות צופאלט, און מ'עפענט זיך צו די קביעות מיטן אייבירשטן.

'ויענך וירעבך ויאכלך את המן' למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם', די ברויט איז די שטערקסטע קביעות פון עולם הטבע, אז די האסט ברויט פילסטו רואיג, די פילסט די האסט דיין קביעות וואס די ווילסט, די ביסט דער בעל הבית אויף דיין קביעות'דיגע עסן.

ביי דין 'מן' שטייט 'כי לא ידעו מה היא', די גוף זייערע איז נישט בארואיגט געווארן, ס'האט זיי געגאנגט די ברויט, די נארמאלע ריכטיגע זאך וואס קומט צו עסן, די נארמאלע זאך וואס יעדער עסט. דאס טייטשט 'כי לא ידעו מה היא', זיי האבן נישט געקענט תופס זיין די קביעות צו אויבן צום הימל צו, זיי האבן געדארפט די קביעות צו אונטן, די זוכערע קביעות על הקרקע. אבער למעשה האבן זיי יא געגעסן 'מן', און דאס האט געמאכט אז זיי זאלן נתעלה ווערן פון די קביעות פונעם גוף, און זיך אויפהייבן צו די קביעות פון די נשמה.

### דבר יום ביומו

די 'מן' האט מען נישט געטארט אוועק לייגן פון איין טאג אויפן צווייטן, דבר יום ביומו, די עצם טבע אירע איז אזוי געווען אויסגעשטעלט אז מ'קען איר נישט אוועקלייגן, מ'קען זיך נישט אין איר פארזוכערן. די 'מן' איז געווען א גאנצע צייט מקושר מיטן אייבירשטן זעלבסט, און נאר אין אים האט מען זיך געקענט פארזוכערן.

יעדער מאכל האט זיין 'שעלף לייף' ווי לאנג ער האלט זיך, ווי לענגער א מאכל האלט זיך, איז דאס פשט אז ער האט זיין חיים געספעפט אין זיך, און דער מענטש האט מער רואיגקייט און זוכערקייט אין דעם, ווי לענגער העלפט עס מער די מענטש צו זיין מסודר. למשל אז ס'האלט זיך פאר א וואך צייט, פילט דער מענטש מסודר פאר א וואך, און אזוי ווייטער און ווייטער.

שטעל דיך פאר אויב די טבע פון עסן וואלט געווען אז ס'ווערט פארשימלט איבער נאכט, אזוווי פלייש און פיש אמאליגע צייטן ווען ס'איז נישט געווען קיין פרידזשעדערס, מ'וואלט זיך נישט געקענט פארזוכערן אין וואס ס'ליגט אין די פרידזשעדער און אין די פריזער, און נישט אין וואס ס'איז דא אין גראסערי, אלעס אלעס וואלט פארשימלט געווארן איבער נאכט.

וואלט אודאי די כח הבטחון אין די אייגענע יכולות'ן געווען אסאך שוואכער, ס'וואלט געפעלט פונעם מענטש אסאך רואיגקייט און זוכערקייט וואס ער האט יעצט, ווי מער די חיים האלט זיך אין די עסן דאן למטה, מאכט דאס דעם מענטש מער רואיג און זוכער אין זיינע ענינים, ער פילט רואיג אז ער דארף ווייניגער צו קומען צום אייבירשטן למעלה.

ברויט געווענטליך האלט זיך פאר בערך א וואך, ווי מ'זעט עטליכע מאל אין חז"ל, אבער די 'מן' האט זיך נאר געהאלטן פאר איין טאג, די חיים פון די 'מן' דא אונטען למטה איז געווען זייער קליין, די נעקסטע טאג איז די חיים גלייך צוריק ארויף געפלויגן, און דאס זאגט בעומק אז די מידת הבטחון פון די 'מן' האט זיך נאר געהאלטן פאר א טאג, נאך א טאג האט מען שוין געדארפט צוריק זיך ווענדן צום באשעפער זעלבסט.

## די היתר צו פארן אויף די וועגן

פערציג יאר זענען די יודן געווען אין מדבר אויף די וועגן. היינט ווען מען אדורך טון די ענין פון 'כל הדרכים בחזקת סכנה', וויאזוי מעג מען בכלל פאָרן אויף די וועגן אויב ס'איז א סכנה. און אויף וועט ווערן נתבאר וואס איז די גדר פון 'סכנה' בכלל.

ביי ברכת הגומל איז די הלכה אז 'יורדי הים' דארפן בענטשן גומל, פרעגט זיך די קשיא, אויב דארף מען בענטשן גומל וויל מ'איז געווען אין א מצב פון סכנה, איז פארוואס מעג מען לכתחלה זיך ארויסלאזן אויפן ים, ווי מעג מען לכתחלה זיך אריינלאזן אין א מצב פון סכנה. די זעלבע קשיא איז אויך אויף די אנדערע דריי זאכן וואס מ'דארף בענטשן גומל, וואס איז די היתר זיך אריינצולאזן לכתחלה אין די זאכן אויב ס'איז א סכנה.

א ענדליכע קשיא איז דא, וויאזוי מעג מען בכלל פאָרן אויף די וועגן, אויב דארף מען מאכן 'תפלת הדרך' וויל ס'איז א סכנה, די וועגן זענען מסוכן מיט לסטים און חיות רעות, איז וואס איז די היתר לכתחלה זיך ארויסצולאזן אויף די וועגן.

ענדליך צו דעם קען מען פרעגן היינטיגע צייטן, וויאזוי מעג מען פארן מיט קארס, וויאזוי מעג מען קראסן די גאסן, מ'הערט דאך מעשיות פון צייט צו צייט (אז דער אייבישטער זאל אפהוטן), איז וואס איז די היתר לכתחלה פאר די אלע זאכן.

## די היתר פון מלחמות

אין ארץ ישראל איז יעצט א מלחמה מצב, מ'לויפט אריין אין די שעלטערס. די פוסקים פון די פריערדיגע דור - דער חזון איש און אנדערע - האבן א שאלה צו ס'איז דא א חיוב אריינצולויפן אין די שעלטערס, אדער א מענטש קען זאגן 'איך בין זיך בוטח אינעם אייבערשטן', מעג א יוד האבן בטחון אין אזעלכע פעלער, ווען איז געזאגט געווארן די דין פון 'ונשמרתם', און ווען קומט אריין די טייערע מידה פון בטחון אינעם אייבירשטן.

ענדליך צו דעם וואלט מען געקענט פרעגן, וואס איז די היתר בכלל צו וואוינען אין ארץ ישראל אין אזא צייט פון מלחמה, פאק דיך פעק און מאָך צו א צווייטע לאנד, ווי איז די חיוב פון 'ונשמרתם'.

און נישט נאר אין ארץ ישראל איז די קשיא, די קשיא קען מען פרעגן אויף הונדערטע פעלער אין די לאנגע גלות, יודישע קינדער האבן געוואוינט אין אסאך מסוכנ'דיגע פלעצער, און קיינער האט נישט אוועקגעמאפט, וואס טוט זיך מיט 'ונשמרתם' (פארשטייט זיך אז אין אסאך פעלער האט מען נישט געקענט אוועק מאפן, אבער די קשיא איז אין די פעלער וואס מ'האט יא געקענט).

בעצם קען מען פרעגן די קשיא בכלל, וואס איז די היתר פון גיין אין מלחמות, ממילא ווען די שונא איז געקומען אויף דיר, פארשטייך איך אז די האסט א מלחמת חובה און א מלחמת מצוה זיך צו באשיצן. אבער די הלכה איז דאך אז מ'מעג ארויסגיין אין אנהייבן א מלחמה, וואס איז די היתר אויף אזא זאך, ס'גייט דאך זוכער קאסטן קרבנות, ס'איז דאך א מסוכנ'דיגע מצב, וואס טוט זיך מיט פיקוח נפש און ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

איז פון די אלע קושיות קומט ארויס א שטיקלע יסוד, אז ס'איז דא אויפן וועלט אסאך סכנה'דיגע זאכן, וואס זיי ווערן נישט פאררעכנט פאר קיינע סכנות, צומאל איז טאקע אינטערסאנט פארוואס ס'איז אזוי, אבער דאס איז די מציאות, מחמת סיבות וסיבות שונות זענען די זאכן מוחזק ביי די מענטשהייט אז זיי זענען נישט בגדר סכנה כאטש וואס בצד מה זענען זיי באמת יא.

## סכנה אין הלכה

די הלכה איז אז א יולדות איז אין א מצב פון סכנה, מ'מעג מחלל שבת זיין פאר א יולדות, וואלט מען דאך געקענט פרעגן די זעלבע קשיא, וויאזוי מעג יעדער יוד זיך אריינברענגען אין א מצב פון א יולדות, וויאזוי מעג מען זיך אריינברענגען אין א מצב פון א סכנה.

און די תירוץ איז אז א 'יולדות' איז נישט מוחזק ביי מענטשן ווי א סכנה, ס'איז 'מנהגו של עולם', נאר איינס פון טויזענט וואס שטארבט מחמת לידה (כמבואר באו"ח סי'מן' של), ס'קען נישט הייסן אז מ'ברענגט זיך אריין אין א מצב פון סכנה. ווען ס'קומט למעשה איז עס טאקע א סכנה, און מ'מעג מחלל שבת זיין, אבער ס'איז נישט שייך צו אפצו'אסר'ן די די גאנצע ענין פון לידה וועגן דעם.

די חז"ל זאגן אויף די פסוק 'ואליו הוא נושא את נפשו', מפני מה עלה זה ונתלה באילן וכו'. פרנסה איז אויסגעשטעלט אז מענטשן טוען מסוכנ'דיגע זאכן, און ס'ווערט נישט פאררעכנט ווי מ'איז עובר אויף די איסור פון 'ונשמרתם', ס'ווערט פאררעכנט ווי א נארמאלע זאך, אדרבא דער עולם איז איינגעוואוינט אין דעם, כך היא מנהגו של עולם אז 'ואליו הוא נושא את נפשו'.

**ס'איז דא אויפן וועלט אסאך סכנה'דיגע זאכן, וואס זיי ווערן נישט פאררעכנט פאר קיינע סכנות**

א שטארקע יסוד וואס וועט אויסקלארן די גאנצע ענין, בעצם נאך פאר מ'קומט צו די ענינים פון סכנה, דארף מען וויסן אז די גאנצע לעבן איז איין גרויסע סכנה'דיגע מצב, און יעדער פארשטייט אז מ'דארף האלטן און איין אנגיין אין לעבן, נישט קיין חילוק וואס ס'פאסירט, ווי די וועלט זאגט 'דעטס לייוו' (This is life). ממילא איז די וועלט אויסגעשטעלט אז די מענטשהייט שטארקט זיך איבער די פחדים, די מענטשהייט מאכט 'חזקות' אויף זאכן צו זיי זענען בגדר סכנה, און אויב ס'האט א גוטע בליק ריקט זיך די זאך ארויס פון גדר סכנה, כאטש וואס לפעמים יש לפקפק בזה.

## שומר פתאים ה'

די חז"ל זאגן אויף אסאך זאכן 'שומר פתאים ה'', איז די קשיא, ווי האט מען רעכט צו זאגן 'שומר פתאים ה'', פארוואס האלטסטו זיך פאר אזא פתי, נעם דיך צוזאם און טו נישט וואס מ'טאר נישט טון. נאר די יסוד איז ווי געשמועסט, אז מ'וועט חושש זיין אויף יעדער סכנה וועט מען נישט קענען לעבן, ממילא האט די מענטשהייט רעכט צו מחזיק זיין אויף זאכן אז זיי זענען נישט בגדר סכנה, אזוי זאל די לעבן קענען פארן.

בפרט אז צומאל איז די סכנה גאנץ ווייט, על פי רוב דארף מען נישט חושש זיין אויף קיין סכנה, און אפילו אז ביי פיקוח נפש איז מען חושש אויף אויף א מיעוט, אבער די חשש איז נישט ממש לפניו, און במיוחד אויב די זאך איז גאר א אפטע זאך וואס מענטשן טון, און די ריבוי מאלן וואס מ'פילט אז ס'איז נישט קיין שום סכנה, דאס צובלאזט די אלע חששות.

אין כתובות (לט) ביי די סוגיא פון משמשות במוך, זאגט דארט

המשך בעמוד הבא

די גמרא "'מן' השמים ירחמו שנאמר שומר פתאים ה'", אויך אין מסכת עבודה זרה (דף ל') שטייט 'אוכל ענבים בלילה ואינו חושש משום שומר פתאים ה'', אויך אין מסכת נדה (דף ל"א) איז אזוי מבואר. איז די קובץ שיעורים (שם בכתובות דף לט, אות קלו) פרעגט טאקע וואס איז דאס אנדערשט יעדער ספק סכנה וואס איז דוחה שבת, פארוואס זאגט מען נישט דארטן 'שומר פתאים ה'', און ס'זאל זיין אסור צו מחלל שבת זיין, דער אייבישטער היט שוין.

זאגט ער ענדליך צו די יסוד וואס מ'האט געשמועסט, ער זאגט אז א מענטש איז נישט מחיוב זיך צוריק צו האלטן פון די נארמאלקייט, מ'איז נישט מחיוב צו חושש זיין אויף סכנה, אויב מ'קען זיך נישט הוטן [דאין האדם חייב למנוע עצמו ממנהג דרך ארץ, וממילא הוי כאילו אין בידו לשמור את עצמו, ואז נשמר 'מן' השמים, אבל היכא שבידו להיזהר אינו בכלל פתאים, ואם לא ישמור את עצמו הריהו מתחייב בנפשו, ולא יהא משומר 'מן' השמים]. (וע"ע בס' שמירת הגוף והנפש מבוא פרק יא י"ב וואס ער ברענגט א גרויסע מחלוקת, ביי וועלכע פעלער מ'קען זאגן שומר פתאים ה' און שומר מצוה לא ידע דבר רע ואכמ"ל).

דער חזון איש (תשובות וכתבים סי' מ"ח) שרייבט אז יעדער שינוי אין א קינדס עסן קען גורם זיין חלאים, און יעדער חולי פון א תינוק איז א ספק סכנה, און ער פירט אויס אז מ'קען נישט קובע זיין כללים אין די זאכן, ס'איז תלוי לפי זיין רגש פון די עלטערן אויף די געזונט פון זייער קינד, און פון די אנדערע זייט די פחד פון שמירת שבת, און לפעמים ווערט נשתנה די דין לפי חוזק בטחונו. ווייל ס'איז דא מצבים וואס זענען זייער ווייט פון פיקוח נפש און ס'איז תלוי אין די מידת הבטחון פונעם מענטש.

כעין זה שרייבט דער חזון איש אין נאך א פלאץ (תשובות וכתבים סי'מן' נט אות ד) אז א קלקול אין די מעיים ביי א קטן איז א ספק סכנה, און איינער וואס איז מיקל אין די זאך שרייט מען אים נישט אן, און דער וואס איז זיך בוטח אינעם אייבערשטן, און ער איז קובע די מזון פארן קינד אויף א אופן אז מ'זאל נישט דארפן קאכן אין שבת, שרייט מען אים נישט אן.

אין די סוגיא איז כדאי צו צוצייכענען צו תשובת הגרע"א (שו"ת ח"א סי' ס') אז א ווייטע 'סכנה' איז נישט בגדר סכנה, אויך אין שו"ת בנין ציון (ח"א סי'מן' קלז) זעט מען א קולא אין די גדר פון סכנה. די פוסקים ברענגען תשובת מהרי"ט ח"ב סי'מן' רי"ו כלפי דעם אז דער מאן קען כופה זיין די פרוי ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, אז טאמער די סוחרים האלטן זיך צוריק פון ארויף צו גיין, קען ער איר נישט צווינגן, אבער טאמער די סוחרים מאכן נישט קיין עסק און גייען ארויף, דאן קען די מאן איר אויך צווינגען. און די זעלבע הגדרה שטייט אויך אין תשובת מבי"ט ח"ב סי'מן' רטז.

אויך אין שו"ת שם אריה (יו"ד ס"ס כ"ז) איז דא קולות אין דעם. אין שו"ת מנחת שלמה (ח"ב סי' כ"ט ס"ק ד') זעט מען א קולא, אז טאמער ווערן נישט דערשראקן, איז דאס נישט בגדר סכנה. אויך צייכנען די אחרונים צו א חזו"א אין אוהלות סי' כ"ב אות ל"ב אז ווייטע צדדים פון א סכנה, הייסט בכלל נישט קיין סכנה

## די סכנה איז תלוי אין די הרגש

אז די טראכסט אריין אין די הרגש הכללי, וואס קומט ארויס פון די אלע קולות פון די פוסקים, מ'זעט אז די פוסקים זוכן זיך נישט אזוי שנעל צו פסק'נן אויף מצבים אז זיי זענען בגדר סכנה, די וועלט וואלט נישט געקענט אזוי אנגיין, די מהלך דארף זיין אז 'דעטס לייף' (This is life), א מענטש דארף זיך קענען ריקן אין לעבן, מ'קען נישט אריינפאלן אין מצבים און מאכן פון דעם א שרעק.

דאס איז די מהלך אין די וועלט, די גאנצע וועלט איז איין שטיק סכנה, און אויב מ'איז משער אז ס'גייט נישט אריין אין די קאטעגוריה פון סכנה, איז דאס נישט בגדר סכנה, און אויב א מענטש וועט יא אריינפאלן אין פחדים פון סכנות, איז דאס נישט קיין גוטע און ריכטיגע זאך, די גדר פון סכנה גייט נישט לויט דיין פרטיות'דיגע געפיל, ס'גייט לויט ווי רוב מענטשן זענען משער א מצב, לפי וואס די מענטשהייט איז מגדיר פאר א סכנה.

געווענטליך דארף מען גיין לפי וואס רוב מענטשן טראכטן, אבער ביי זאכן וואס די מצב איז נישט קלאר, מ'קען נישט אפשאצן די רוב פון די מענטשן געהעריג, דאן קען זיך עס יא ווענדן אין די מענטש זעלבסט, ענדליך צו וואס מ'טרעפט אין אגרות משה אז ס'איז יתכן אז געוויסע זאכן זאל זיך מעסטן אויף די מענטש אליינס צו ער פילט א פחד.

דער אג"מ (או"ח ח"א סי' קכ"ז) זאגט אז די היתר פון די יורדי ימים און ענדליכע סכנות וואס א מענטש ברענגט זיך אריין אין דעם פאר פרנסה, דאס איז נאר א היתר ביי אזעלכע סכנות וואס איז תלוי בטבע האדם, איינער וואס איז בטבע א שטארקער, ער האט בטבע א אמיץ הלב, אזא איינער ווערט עס נישט פאררעכנט ווי א סכנה, ער האט נישט מורא צו בלייבן אליינס, אבער מענטשן מיט שוואכערע הערצער און רעכענען עס פאר סכנה, ווערט עס באמת פאררעכנט ווי א סכנה, און דאס איז תלוי יעדער איינער אין זיין אייגענע דעת (עי' באחרונים מה שכתבו בזה בדברי המג"א סי'מן' רמח, ועי' ברביד השלחן סי'מן' רמח ממו"ר הגאון ר' ישכר דוב איינהארן שליט"א).

די גדר פון סכנה איז באמת תלוי אין אסאך זאכן, וואס נאר פון די אלע ענינים צוזאמען פילט זיך אז ס'איז א סכנה אדער נישט, ס'איז תלוי אין פילע דקות'דיגע ענינים. און דאס איז פשט וואס פילע זאכן אפילו מ'דערמאנט אויף זיי די מושג סכנה, מיינט נאך נישט אז ס'האט טאקע ממש א דין סכנה להלכה.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+